THE ISRAELITE PRESS

The only Jewish Newspaper in Western Canada.

דאס אידישע ווארט

Office and Place of Business: New Israelite Press Bldg., 165 Selkirk Ave. East
Published daily except Saturday and Sunday
ENTERED AS SECOND-CLASS MAIL MATTER AT OTTAWA
Subscription: $6.00 per year
Established 1910 Phones: 55 409—52 213
Winnipeg — Manitoba

# די געשיכטע נעמט נקמה

מיט 450 יאר צוריק האבן די שפאנישע קעניגן ארויסגעטריבן די אידן פון שפאניע, און די אידן וואס זיינען פארבליבן אין שפאניע זיינען געצוואונגען געווארן צו שמד'ן זיך. היינט האבן די אור־איינקלאך פון יענע גערודפטע אידן פארטריבן דעם יורש פון יענע קעניגן פון שפאניע.

דער נייער שפאנישער פרעזידענט און אמווייניקסטנס צוויי פון זיינע וויכטיקסטע מיניסטארן זיינען פון אידישן אפשטאם. זיי זיינען עס געווען די וויכטיקסטע אנפירער פון דער רעוואלוציע, וואס האט געצוואונגען דעם קעניג צו לויפן פונ'ם לאנד.

אין שפאניע איז זייער פיל אידיש בלוט פארגאסן געווארן, אבער אויך זייער פיל אידיש בלוט איז אריינגעמישט געווארן אין די אדערן פונ'ם שפאנישן פאלק, א דאנק די שמד גזרות. מען דערציילט נאך א לעגענדע פון די אלטע ציימן, ווען א שפאנישער קעניג האט געוואלט ארויסגעבן א גזרה אז אידן זאלן טראגן א בגד מיט א געלער לאטע וואס זאל באצייכענען זייער אידישן אפשטאם, האט דעם קעניגס הויפט אינקוויזיטאר געבראכט אין פאלאץ אריין צוויי אזעלכע מאנטלען : איינעם פאר זיך און איינעם פאר'ן קעניג אליין.

אבער אין שפאניע זיינען נאך דא צענדליקער טויזנטער דירעקטע אפגעשטאמטע פון די מאראנען, וועלכע האבן נים געמישט זייער בלוט מיט די שפאניער און האבן אפגעהיט די ריינקייט פון דער ראסע און שפורן פון דער אידישער רעליגיע, נים געקוקט אויף אלע דורות־לאנגע שרעקלאכע רדיפות פון דער אינקוויזיציע. אין באהעלטענישן, בחדרי חדרים, האבן זיי אפגעהיט געוויסע אידישע טראדיציעס, און ביסלאכווייז איז די סודות'דיקיים אליין געווארן ביי זיי א הייליקע טראדיציע.

איצט זיינען זיי ארוים פון זייערע באהעלטענישן און פירן אן די באוועגונג פאר דער באפרייאונג פון שפאניע פון דער פינסטערער מאכט, וואס האט דאס אמאליקע בליענדיקע לאנד הערפירט צום אפגרונט. זיי זיינען דא ווי די נקמה גייסטער פון דער געשיכטע, נוקם צו זיין זיך אן די וואס האבן חרוב געמאכט דאס אידישע לעבן צוזאמען מיט זייער אייגענעם לאנד, וואס איז די אידן געווען אזוי ליב און טייער.

לארד ראבערט סעסיל האט די טעג ביי א פארזאמלונג אין לאנדאן אויסגעדריקט זיך : "מען באהויפטעט, אז אידן נעמען אן אקטיוון אנטייל אין יעדער רעוואלוציע. אויב עס איז אזוי, איז דא אן אורזאך : א רעוואלוציע איז אן אויסברוך פונ'ם צארן פון א פאלק פאר אומגערעכטיקייטן וואס ווערן באגאנגען, און אידן זיינען די וואס ליידן אממערסטן פון אומגערעכטיקייטן אין א סך לענדער".

עס איז נים נויטיק צו זוכן מיסטישע כחות אין דער געשיכטע. עס איז איר נאטירלאכער גאנג. און עס נעמט אפט הונדערטער יארן, ווי אין דעם דאזיקן פאל, ביז די אונטערדריקטע קריגן די געלעגנהייט צו זעען נקמה אן זייערע אונטערדריקער.

# אנטיסעמיטיזם אין מעקסיקא

עס זיינען דא זייער ווייניק אידן אין מעקסיקא, און דער ווילדער אנטיסעמיטיזם וואס האט זיך דארטן אנטוויקלט לעצטנס איז א מערקווירדיקער פענאמען : געווייגלאך ווערט אנגענומען, אז דארטן וואו די צאל אידן איז קליין, איז ניטא קיין פלאץ פאר אנטיסעמיטיזם.

עס זעט אבער אויס, אז די קליינע צאל אידן אין לאנד האט זיך איינגעשניטן אין געוויסע אינטערעסן, און הויפטזאכלאך אין אויסלענדישע אינטערעסן. דאס זיינען די אויסלענדישע האנדלס קאמערן, ווי מיר ווערן אינפארמירט, וואס פירן הויפטזאכלאך אן די ווילדע העצעס קעגן די אידן, און די מיאוס'ע ארבעט געלינגט זיי א דאנק דעם נידעריקן קולטורעלן מצב און דער אומוויסנהיים פון די מעקסיקאנער מאסן.

די אויסלענדישע האנדלס קאמערן זיינען פאראינטערעסירט אין פאר־קויפן וואס מער סחורה פון זייערע באטרעפנדיקע לענדער. זיי ווערן געשטיצט פון מעקסיקאנער סוחרים, וואס מאכן אומגעהייערע פראפיטן אויף די דאזיקע סחורות. די איינגעוואנדערטע אידן שטייען זיי ווי א ביין אין האלז, ווייל זיי האבן אנגעהויבן אנטוויקלען א לאקאלע אינדוסטריע און ווייל זיי פארקויפן סחורה אויף א סך נידעריקערע פרייזן.

און דערפאר ווערט געשאפן אזא פאגראם אטמאספערע און דערפאר ווערן עס באזונדערס גע'רודפ'ט די אידישע הענדלער אין מעקסיקא : די אויסלענדישע האנדלס קאמערן און די מעקסיקאנער סוחרים ווילן האבן א פרייע האנט צו עקספלואטירן די אומוויסנהייט פונ'ם מעקסיקאנער פאלק פאר זייערע אומבאשריינקטע פראפיטן.

און די כלומר'שט "סאציאליסטישע" רעגירונג פון פרעזידענט רוביא שטיצט אט די רויב־פייגלאך. — מסתמא האט זי אירע פאליטישע חשבונות.

דער קליינער אידישער ישוב אין מעקסיקא איז ארים, עלנד און הילפלאז, און ער נויטיקט זיך אין הילף פון דרויסן. דער גרויסער און איינפלוסרייכער אמעריקאנער אידישער ישוב דארף זיך פאראינטערעסירן מיט זיין גורל, און ווארענען די מעקסיקאנער רעגירונג, אז די רדיפות אויף די אידן וועלן איר קיין גוטס נים טאן, יעדנפאלס אין אויסלאנד. — און מעקסיקא מוז זיך נאך רעכענען מיט דער אויסלענדישער געזעלשאפטלאכער מיינונג.

# די שאדנס פון שריפות

איבער 46 מיליאן דאלאר שאדן איז פאראורזאכט געווארן אין קאנאדע פון שריפות פאר'ן יאר 1930, — אויף אזוי פיל איז דאס לאנד ארימער געווארן ווי עס וואלט געקאנט זיין. אבער אויב מאטעריעלער שאדן קאן נאך אפגעמאכט ווערן, האבן אבער די שריפות פאר'ן יאר פאראורזאכט א פיל שווערערן שאדן, וואס קאן קיינמאל נים אפגעמאכט ווערן : דאס זיינען די 233 מענשלאכע קרבנות פארלארן אין די שריפות אין לאנד פאר'ן יאר, און דער אומגליק וואס זייערע פאמיליעס וועלן פילן כל־זמן זיי וועלן לעבן.

יעדע שריפה איז פארבונדן נים בלויז מיט זיכערע מאטעריעלע פארלוסטן, נאר אויך מיט מעגלאכע לעבנס פארלוסטן. דאס דארף געדיינקען יעדער איינער וואס האט צו טאן מיט פייער : די קלענסטע אומפארזיכטיקיים אדער גאכלעסיקיים מיט פייער קען קאסטן מענשלאכע לעבנס.

די מייסטע שריפות, ווערט אנערקענט, וואלטן אויסגעמידן געווארן, ווען די עלעמענטארע געזעצן פון פארזיכטיקיים מיט פייער וואלטן אפגעהיט געווארן. און ס'קומט אזוי אוים, אז אומפארזיכטיקע מענשן זיינען עס שולדיק אינ'ם טוים פון אמווייניקסטנס א הונדערט פון די 233 קרבנות פון שריפות אין יאר 1930. אויף זייערע קעפ פאלט דאס בלוט פון אט די אומשולדיקע קרבנות און די ליידן און פיין פון זייערע פאמיליעס. און זיי אליין שטעלן זיך אוים צו דער געפאר, אויב זייער שולד זאל דערוויזן ווערן, פאר־משפט צו ווערן ווי מערדער.

פייער איז איינער פון דעם מענשנס בעסטע פריינט, אבער עס ווערט פארוואנדלט אין דעם געפערלאכסטן שונא ווען ער ווערט ארויסגעלאזן פון אונטער קאנטראל.

האלט פייער אונטער קאנטראל, — היט דעם פייער פון פארוואנדלט ווערן פון א פריינט אין א שונא !

# אידן אין קאלטן קאפענהאגען

(ספעציעל פאר ד. א. וו. דורך "איטא")

פון צבי ה. וואקסמאן

משה רבנו און דוד המלך — די באליבטסטע פיגורן פון קאפענהאגען. די אידישע קהלה — איינע פון די רייכסטע אין דער וועלט. ארטאדאקסן און רעפארמיסטן. 60 פראצענט געמישטע חתונות. כשר'ה געריכטן אין קעניגלאכן הויף פאר א אידישן פראפעסאר. עס איז ניטא קיין ארט פאר אנטיסעמיטיזם אין דעם קאלטן דענמארק.

וואס איז די פאפולערסטע זאך אין דער אלט־נארדישער קעניג־שטאט קאפענהאגן, וואס יעדער טוריסט וועלכער באזוכט די הויפט שטאט פון דענמארק פארגעסט נים מיטצונעמען פאר זיין פאמיליע און פריינט אלס סואווענירן, אלס א צירונג, פאר דער אייגענער היים. דאס זיינען די צוויי סטאטועטקעס אין מיניאטור פון משה רבנו און פון דוד המלך. ווי מאדנע עס זאל נים קלינגען, דוקא נים אין ירושלים, נאר ביי די טויערן פון דעם קאלטן צפון זיינען די סטאטועטן פון אונזער משה רבנו און דוד מלך ישראל די פאפולערסטע. ס'איז נאך קיין באזוכער אוועקגעפארן און א טוריסט פארלאזן די שטאט, נים מיטנעמענדיק די דאזיקע צוויי סטאטועטקעס. די בארימטע קאפענהאגנער פארצעלאן און גיבס סטאטועטן פאבריקן האבן א סך פון זייער כוח צו פארדאנקען די דאזיקע צוויי פיגורן. אין א סך הייזער אין דער געגנט פון דער נארזעע, אין האמבורג און אפילו אין בערלין איז מיר אויסגעקומען צו באגעגענען די דאזיקע סטאטועטן און דער באלעבאס וועמעס "קאמין" אדער בופעט זיי באצירן, באריםט זיך פאר זיינע געסט מיט נים ווייניק שטאלץ : — איר זעט, דאס איז "עכט קאפענהאגען".

די ארגינאלן פון די דאזיקע צוויי סטאטועטקעס קאן יעדעס קינד אין קאפענהאגן. אויף איינער פון די הויפט שטראסן, אין פראנט פון איינער פון די עלטסטע קירכן אין לאנד, שטייען די סטאטועטן. ביי דער רעכטער זיים פון טויער שטיים א לעבנס גרויסע סטאטועטע פון דוד המלך. אויפן פעדעסטאל פון דער דאזיקער סטאטוע איז איינגראווירט אויף דעניש אז דאס איז דוד דער "קאנג" (קעניג) פון "יאדערן" (אידן) און מחבר פון דעם תהילים. לינקס פון טויער שטיים א צווייטע סטאטוע פון דער זעלבער גרוים, וועלכע שטעלט פאר משה רבנו מיט די לוחות אין דער האנט.

קאפענהאגנער אידן און נים אידן זיינען שטאלץ אויף די דאזיקע צוויי פיגורן וועמעס רום עס איז באקאנט ווייט איבער די גרעניצן פון דעם פרידלאכן אינזל לאנד דענמארק.

איינע פון די שענסטע שטעט אין דער וועלט איז קאפענהאגן מיט אנדערע פאלאצן, אלטערטימלאכע געביידעס, אירע קאנאלן און אירע הערלאכע פלעצער און אנלאגן לאזן אויף דעם באזוכער א אומפארגעסלאכן איינדרוק. איך האב אין קיין לאנד, אין קיין שטאט אין דער וועלט, נים באגעגנט אזעלכע העפלאכע צוגעלאזענע מענשן ווי די זעקס פוס הויכע פאליציסטן פון דער דענישער מעטראפאליע. מיך האט פשוט א רחמנות געפיל אנגענומען אויף דעם פאליציסט ביי וועמען איך האב זיך געוואלט ערקונדיקן וואו עס איז די אידישע געגנט, ווען יענער האט געמאכט אלע מעגלאכע אנשטריינגונגען כדי מיך צו פארשטיין . . .

אומגעפער פינף טויזנט אידן וואוינען אין דענמארק אין דער הויפט שטאט. די אידישע קהלה אין קאפענהאגן איז איינע פון די רייכסטע אין דער גאנצער וועלט. אויב איך מאך נים קיין טעות (אלנפאלס נים קיין גרויסן) באזיצט די אידישע געמיינדע פון קאפענהאגן א פארמעגן וועלכער באטרעפט אומגעפער א 8-9 מיליאן דענישע קראנען.

אין קעגנזאץ צו שוועדן איז דאס אידישע רעליגיעזע לעבן דא באזירט אויף טראדיציאנעלע יסודות, אין דער שול שפילט קיין ארגל נים, א חזן מיט משוררים אויפן אלטן שטיגער. דאס שטערט אבער נים די דענישע אידן און אידענעס זיך צו פארמישן מיט די דענער, ווייל אויך דא איז דער פראצענט פון געמישטע חתונות זייער הויך — אפיציעל 40 פראצענט, אומאפיציעל זעכציק פראצענט. איך ווייס נים צו זיינען די דענישע אידן באמת אזוי טראדיציאנעל ווי זיי האלטן זיך אדער פשוט, פאר באקוועמלאכקייט־פאר מאנגל אין אידישן אינטערעס האבן זיי נים נאכגעטאן זייערע דייטשע ברידער און זיך "רעפארמירן". יעדנפאלס אלס אילוסטראציע קאן דינען דער פאלגנדיקער אינטערעסאנטער פאל וואס האט געקאסט דער אידישער קהלה אין קאפענהאגן איבער הונדערט טויזנט דענישע קראנען און באצאלט האבן זיי דאס כדי אנצוהאלטן דעם אזוי גערופענעם סטאטוס־קווא.

די געשיכטע ליגט שוין אפילו אביסעלע ווייט צוריק : עס כאראקטעריזירט אבער בולט דעם כאראקטער פון דעניש־אידישן לעבן ביז היינטיקן טאג.

געשען איז דאס אין אנפאנג פון דער וועלט מלחמה. דער דאמאלסט'דיקער אויבער־ראבינער פון קאפענהאגן, דער באוואוסטער אידישער געלערנטער פראפעסאר דר. סימאנסאן (פון וועלכן מיר וועלן נאך שפעטער ריידן) האט זיך צוריקגעצויגן אין פענסיאן און אויף זיין פלאץ איז געקומען דער באקאנטער ארטאדאקסישער רב, הרב דר. לעווינשטיין, וועלכער איז היינט ביי דער ארטאדאקסישער געמיינדע אין צוריך. דר. לעווינשטיין, וועלכער איז אליין פון האלאנד וואו דאס אידישע רעליגיעזע לעבן איז דאך ווי באוואוסט שטארק קאנסערוואטיוו, האט נים געוואלט שלום מאכן מיט די פרינציפן פון די דענישע אידן און איבערהויפט מיט זייער אויפפאסונג וועגן געמישטע חתונות און עס האט אויסגעבראכן דער אומפארמיידלאכער סכסוך וועלכער האט אזוי ווייט געפירט, דאס די קאלטע דענישע אידן האבן פארלארן זייער קאלטקייט אין איין טאג, ווען דער רב איז געקומען אין שול האט ער געטראפן זיין שטול, דעם כסא הרבנות, אויפן שול הויף . . .

חדשים לאנג האט זיך געצויגן א פראצעס צווישן דער קהלה און זייער געוועזענעם אויבער ראבינער דר. לעווינשטיין, וועלכער האט דא ארויסגעוויזן די זעלבע אנטשלאסנהייט ווי אין די אנדערע רעליגיעזע ענינים, און ער האט סוף סוף מנצח געוועזן און די געמיינדע ביי וועלכער ער איז דאך געוועזן איינגעשטעלט אויף לעבן לאנג, האט אים ענטשעדיקט מיט דער קיילאכדיקער סומע פון הונדערט טויזנט דענישע קראנען, און זיך גענומען זוכן אן אויבער ראבינער וועלכער זאל זיך נים מישן צו שטארק אין זייערע פערזענלאכע אנגעלעגנהייטן, נאר אז ס'איז קיין מזל נים פאראן העלפט אלעס נים. דער נאכפאלגער פון הרב לעווינשטיין איז געוועזן דר. שארנשטיין, אן ענערגישער מאן, וועלכער איז אבער געווען מער אנגעליינט אויף מסחר ווי אויף רבנות. ס'איז דאמאלסט געוועזן מלחמה ציים און דר. שארנשטיין האט פארשטאנען אויסצונוצן די גוטע געלעגנהייט ליפערנדיק אין דעם שכנות'דיקן דייטשלאנד פארשיידענע ארטיקלען וועלכע האבען דאמאלסט אין דייטשלאנד שטארק אויסגעפעלט. זייענדיק פארנומען מיט מסחר האט די קהלה משמעות קיין נחת פון אים נים געהאט און מען איז זיך אויף א פרידלאכן אופן צעגאנגען. היינט פירט ער א מסחר פון קונסט זאכן אין דרעזדען. צו זיין קרעדיט מוז אבער צוגעשריבן ווערן די דערנעטערונג פון די רוסישע אידן, וועלכע האבן אין דער מלחמה ציים איינגעוואנדערט מאסנווייז נאך דענמארק. די רוסישע קאלאניע אין קאפענהאגן געדיינקט מיט דאנקבארקיים ביז היינט די טובות וואס זיי האבן געהאט פון אים אין דער קורצער ציים וואס ער איז געווען אויבער ראבינער פון דענמארק.

פון די אינצידענטן מיט די רבנים קאן מען זיך בכלל שאפן א באגריף איבערן לעבן פונם דענישן אידנטום.

ביי היינטיקן טאג איז דער אויבער ראבינער פון קאפענהאגן הרב דר. פרידיגער, אליין איז ער פון א קליין שטעטל אין טשעכאסלאוואקיע. ער האט אבער באוויזן פאר דער קורצער ציים צו באהערשן די דענישע שפראך און הערמיט קאן מען זאגן אויך צום טייל די אידישע יוגנט פון קאפענהאגן. זיינע אלע רעפעראטן וועלכע ווערן זייער גוט באזוכט זיינען דורכגעדרונגען מיט עכט אידיש נאציאנאלן גייסט. ביז א געוויסער מאס — קאן מען זאגן — איז אים געלונגען צו דערווארימען א גרויסן טייל פון די אידישע הערצער אינם קאלטן צפון . . .

ביי א סך מענשן וועט עס באשטימט זיין א נייעס דאס די גרעסטע אידיש־שרייב טיש וואו ער איז טיכטיק עוסק וועלט באזיצט דער אלטער אידישער געלערנטער פראפעסאר דר. סימאנסאן אין קאפענהאגן. אין זיין דירה, אין א רואיקער געסל פון דער דענישער מעטראפאלע ארבעט דער אלטער וויסנשאפטסמאן, די בעסטע יארן פון זיין לעבן האט ער אפגעגעבן פאר דער דאזיקער גייסטיקער זאמלונג וועלכע מען שאצט אין 850,000 דענישע קראנען. ס'אין נים פאראן קיין איין העברעאישע בראשורע וואס איז דערשינען פאר די לעצטע עטלאכע צענדליק יאר דאס זי זאל זיך אויך נים געפינען אין דער וואונדערבארער זאמלונג. זיין גרויסע דירה איז איינגעטלאך מיט דער ציים פארוואנדלט געווארן אין א ביבליאטעק. די לעצטע צוואנציק יאר אין וועלכע דער פראפעסאר פארנעמט שוין נים קיין אפיציעלן פאסטן, האט ער זיך צוריקגעצויגן צווישן זיינע ספרים און זיין שרייב טיש וואו ער איז טיכטיק עוסק אין מדעי היהדות. אפיציעל פארנעמט פראפעסאר סימאנסאן טאקע נים קיין שום פאסטן, אבער פאקטיש ווערט קיין זאך אויף אלע געביטן פון דעם אידישן לעבן נים אפגעטאן אן פראפעסאר סימאנסאן. נאך אויף היינטיקן טאג ווען פראפעסאר סימאנסאן ווערט איינגעלאדן צום דענישן קעניג קריסטיאן צער צענטער, וועמעס לערער ער איז געווען, ווערן פאר אים צוגעגרייט כשר'ע געריכטן.

א טשיקאוועס שטאט דאס קאפענהאגן, וואו דוד המלך מיט משה רבנו, זיינען די באליבטסטע פיגורן, האט זיך אהער פארקליבן די גרעסטע אידישע פריוואט ביבליאטעק, און טאמער איז נאך דאס נים גענוג איז די שטאט מיט עטלאכע יאר צוריק בארייכערט געווארן מיט נאך א אידישער קוריאזיטעט.

מיט עטלאכע יאר צוריק האט גאנץ דייטשלאנד געקאכט מיט דעם סקאנדאל. די פראנקפורטער ארטאדאקסישע געמיינדע האט זיך אויפגעבויט א נייע סינאגאגע. די פוילישע אידן פון פראנקפורט האבען זיך דאן געווענדעט צו דער געמיינדע אז מען זאל פאר זיי אפגעבן די אלטע סינאגאגע, אבער צוליב עפעס א סכסוך האט די געמיינדע די שול נים געוואלט אוועקגעבן און האט דעם מקום קדוש ליבערשט פארקויפט צו א גרופע מענשן, וועלכע האבן זי פארוואנדלט אין א קונסט אויסשטעלונג. דער סקאנדאל און חלול השם איז געווען גרוים אבער טאן האט מען קיינער גארנים געקאנט. פון דער דאזיקער געשיכטע האט זיך דערוואוסט דער באריםטער קאפענהאגנער אדוואקאט און בכלל טוער דר. קאהן, וועלכער האט אויף אייגענעם חשבון אפגעקויפט די שול און ער האט פארמידן א חלול השם. און ביז היינטיקן טאג איז דער דאזיקער דר. קאהען דער באזיצער פון דער פראנקפורטער אלטער ארטאדאקסישער סינאגאגע.

אין קאפענהאגן עקזיסטירט נאך א צווייטע קהלה פון ארטאדאקסן וועלכע אונטערשיידט זיך נאר ווייניק פון דער אפיציעלער געמיינדע. די קהלה ציילט בסך הכל עטלאכע צענדליק מיטגלידער אן דער שפיץ פון דער דאזיקער ארטאדאקסישער ערה שטיים הרב דר. ווינקלער פון ירושלים. דאס איז איינגעטלאך די אגודת ישראל פון דענמארק.

די גרויסע אפיציעלע געמיינדע האט א אייגענע שולע וואו עס לערנען זיך עטלאכע הונדערט אידישע קינדער. די לערער זיינען אויסגעבילדעט אין די אידישע לערער סעמינארן פון דייטשלאנד. כל קיין אונטערשייד צווישן דענישע אידן און איינגעוואנדערטע ווערט דא נים געמאכט הן צווישן די קינדער און הן צווישן דעם פערסאנאל.

די עקאנאמישע לאגע פון די אידן אין דענמארק איז אין אלגעמיין א גוטע. די איינגעבארענע אלט־איינגעזעסענע אידן אין דענמארק זיינען כמעט אלע רייך. זיי פארנעמען גרויסע פאזיציעס אין מסחר און אינדוסטריע, הויפטזעכלאך אין עקספארט און אין אימפארט.

אנדערש איז די לאגע פון די איינגעוואנדערטע אידן, וועלכע זיינען אהער געקומען אין די מלחמה יארן. צווישן זיי טרעפט מען אן א סך בעלי־מלאכות און קליינע סוחרים. פאראן צווישן זיי אזעלכע, וואס האבן זיך ארויפגעארבעט, אבער זייער עקאנאמישן מצב קאן מען דאך באצייכענען אלס א געזונטן.

צום גרעסטן טייל זיינען די אלע וואס האבן איינגעוואנדערט אהער פון רומלאנד און פוילן שוין נאטוראליזירט און ביז אין יאר 1930, ווען אין דענמארק האט עקזיסטירט מיליטער דינסט, האבן די קינדער פון די איינגעוואנדערטע מיטגעמאכט דעם מיליטער דינסט. עס זיינען זאגאר געווען פון זיי עטלאכע אין דער קעניגלאכער לייב גווארדיע — א זאך וואס איז אין דענמארק שטארק חשוב.

דער היינטיקער דור איינגעוואנדערטע און זייערע קינדער ריידן נאך דערווייל אידיש. פון ציים צו ציים ארדענט מען זאגאר איין א רעפעראט אין אידיש. די יוגנט אבער, צווישן זיך, רעדט שוין היינט דעניש און די קלענערע, דער אונטערוואקסנדיקער דור, רעדט שוין זייער שווער אידיש.

די באציאונג פון דער דענישער נים אידישער באפעלקערונג צו די אידן איז אין אלגעמיין א פריינטלאכע. די פרעסע גיט אפ פארהעלטנמעסיק א סך פלאץ פאר אידישע פראגן, איבערהויפט פאר דער פראגע פון ארץ־ישראל אויפבוי. דאך אין דער לעצטער ציים האבן זיך גענער־מען באוויזן די ערשטע סימפטאמען פון

(שלוס אויף זיים דריי)

# ווען רייכע קינדער ווילן נים וויסן פון אן ארימען טאטן . . .

פון ווארשע שרייבט מען וועגן אזא אויסטערלישן פאל :

א חסידישער איד, א גרויסער ארימאן, א טאטע פון אויסגעגעבענע קינדער איז געקומען אין ראבינאט זיך קלאגען אז מען גייט אים ארויסווארפן פון דער דירה. דערביי ווייזט זיך ארוים פון זיין דערציילונג, אז צוליב מאנגל אין דירות איז מען גרייט צו זינקען אפילו אין טיפסטן תהום פון שמוץ.

אט וואס דער חסידישער באלעבאס האט דערציילט :

מיט פיר יאר צוריק איז געשטארבן זיין פרוי און ער איז געווארן א סובלאקאטאר ביי א געוויסער פרוי, וועלכע פארנעמט א וואוינונג פון פינף צימערן מיט א קיך אין דער אידישער געגענט. צוליב זיין ארימקייט איז ער לעצטנס שולדיק געבליבן פאר פינף חדשים דירה געלט, די פרוי האט אים אנגעקלאגט אין געריכט און זי האט באקומען א דיסמיסיע.

— ווער איז עס די דאזיקע פרוי, ביי וועמען איר וואוינט אלס סובלאקאטאר ?

— האט מען אים געפרעגט.

הויבט אן דער חסידישער איד צו דערציילן אז ער וואוינט אין א "הייזל".

א גאנצן טאג איז דארט רואיק, מען טשעפעט נישט קיינעם חלילה . . .

איבעריקנס, קוקט ער דען ארייַן אין יענע צימערן ? ער ווייסט דען וואס דארט קומט פאר ? נאר וואס דען ? ער ווייסט, אז עס זיינען דארט פאראן עטלאכע מיידלאך, גייען ארוים ביינאכט און פארטשעפען מענער.

— איז דאך גוט, וואס זי וויל אייך עקסמיטירן, וועט איר פארשפארן וואוינען אין אזא הויז.

הויבט אן דער איד צו וויינען, אז ער איז אומגליקלאך. אז ער האט נישט קיין געלט צו דינגען זיך אן אנדער דירה. און אויב מען וועט אים עקסמיטירן, וועט ער בלייבן וואוינען אונטער פרייען הימל.

— איך, האט דאך לייטישע קינדער, פארוואס זעען זיי אייך נישט ארויסצוהעלפן מיט א דירה ?

— פארשטייט איר מיך — וויינט דער איד מיט ביטערע טרערן — עס איז מיר שוין פיל ליבער צו וואוינען אין דער "הייזל" איידער ביי מיינע קינדער. ווי לאנג איך האב זיך פאר זיי מוסר נפש געווען, איז געווען גוט, היינט אבער, ווען איך בין אלט און ארעם, לאזן מיך נישט מיינע קינדער אריבער זייער שוועל. און איידער צו בלייבן וואוינען אויף דער גאס, איז שוין גלייכער אזא דירה . . .

ער בעט דעריבער אז מען זאל זיין באלעבאסטע ארויסרופן אין ראבינאט אויף א דין תורה, ער וויל, מען זאל רעדן צו איר "געוויסן". אפשר וועט זי נישט זיין אזוי גרויזאם. זי איז דאך פארט א אידישע טאכטער.

וויפל מען האט דעם אידן נים געבעטן מען זאל געבן צו פארשטיין, אז עס איז אומגעלאך און צוועקלאז ארויסצורופן אזא מין פרוי צו א דין תורה, און אז עס איז גלייכער ארויסצורופן זיינע קינדער — האט ער זיך דאך אלץ געבעטן, מען זאל רופן זיין באלעבאסטע און נישט די קינדער, ווייל ער וויל פון זיינע קינדער גארנישט וויסן און עס איז אים גלייכער צו וואוינען אין אזא דירה, איידער צו בעטן די טובה פון זיינע קינדער

# די טרעגער פון די משיחישע באוועגונגען ביי אידן

אן אפהאנדלונג פון אלע באוועגונגען פון משיחישער אויסלייזונג פון בר כוכבא ביז הערצלען

פון יוסף שפירא

(צוועלפטע פארזעצונג)

קענען די וואס גלויבן, אז די משיח'שע האפענונג האט שוין מער נים קיין יסוד אין תנ"ך, ווייל אלע נביא'ישע פארשפרעכונגען זיינען שוין פארווירקלאכט געווארן אין דער ציים, ווען אידן האבן זיך אומגעקערט פון בבל און עס איז אויפגעשטעלט געווארן דער צווייטער בית המקדש, שטעלט ער ארוים פופצן ארגומענטן, געשטיצט אויף די פארשיידענע פסוקים אין תנ"ך, אז די פארשפרעכונגען זיינען נאך נים פארפילט געווארן און אזוי ארום דארפן זיי ערשט קומען אין דער צוקונפט. דורך פארשיידענע אויסרעכענונגען פון די יארן שלאגט ער אויך אפ די באהויפטונג, אז דער "אותו האיש" איז געווען דער אויסלייזער און אוי טאים זיינען אנגעווענדעט די פסוקים אין תנ"ך.

רב סעדיה איז ווי עס שיינט, געווען שטארק באאיינפלוסט פון דער אנטפלעקונג פון ר' שמעון בן יוחאי און ער ווייזט אן, אז אויב משיח וועט קומען פאר דער ציים, צוליב דעם וואס אידן וועלן תשובה טאן, וועט זיך גלייך באווייזן משיח בן דוד. אויב אבער ער וועט קומען אין דער באשטימטער ציים, וועט פריער קומען משיח בן יוסף.

און ווי ער מאלט עס אין דער מאמר "גאולה אחרונה פון אמונות ודעות" :

"און עס וועט אויפשטיין א מאן פון די בני יוסף אין גליל און עס וועלן זיך צו אים פארזאמלען א סך פון אונזער פאלק און ער וועט גיין צו דעם בית המקדש וואס וועט אין ציון אדום'ס רשות און וועט דארט פארבלייבן מיט זיי א לענגערע ציים. דאן וועט אויפשטיין א מלך וועמעס נאמען עס וועט זיין ארמילוס און ער וועט מלחמה האלטן און באזיגן די שטאט און ער וועט טויטן, פאנגען און פייניקן און דער מאן פון דעם שבט יוסף וועט זיין צווישן די געטויטעטע. אונזער פאלק וועט דאן אויסשטיין גרויסע צרות און דאס ערגסטע וועט זיין, וואס זיי וועלן פארלירן אין די אויגן פון אלע פעלקער און מען וועט זיי פארטרייבן אין די מדבריות, וואו זיי וועלן הונגערן און ליידן דורשט. פון גרויסע צרות, וועלן א סך פון זיי פארלאזן זייער תורה און עס וועלן בלייבן די געלייטערטע און גערייניקטע און דאן וועט זיך באווייזן אליהו און עס וועט קומען די גאולה."

ר' סעדיה זוכט דאן צו באשטעטיקן מיטפסוקים פון תנ"ך די אלע פאראויסזאגונגען וועגן די אידישע צרות, מלחמות און אויך וועגן די נחמות.

פון אלע עקן פון דער וועלט וועט מען קומען צום מלך המשיח, וועלכער וועט דארפן זיי פירן קיין ארץ־ישראל. דער בית המקדש וועט איבערגעבוי טווערן און אלע פארשטארבענע פון דורות וועלן אויפשטיין תחית המתים. ער זעט אין דעם נים בלויז א נס, וואס קען מעגלאך ווערן דורך גאטס ווארט, נאר אויך א פיזישע מעגלאכקיים. די עלעמענטן פון דעם קערפער קאנען נים גיין פארלארן אדער איינגאנצן פארניכטעט ווערן. עס בלייבט עטוואס אויף דער וועלט, אפילו נאך דעם טויט און דאס ווערט פאראייניקט נאך אמאל ווען גאט וויל. אויב עס איז מעגלאך געווען צו באשאפן א "יש מאין", ווען דער מענש איז צוערשט באשאפן געווארן, ווארום זשע זאל נים מעגלאך זיין, אז דאס וואס איז שוין אמאל געווען און עקזיסטירט, זאל נאכאמאל לעבעדיק ווערן.

און אין יענע טעג, ווען משיח וועט זיך באווייזן, וועלן מענשן לעבן גליקלאך. מען וועט לעבן לאנג, הגם נים אייביק און יעדער זון פון פאלק ישראל וועט זיין באהערשט מיט א נביאישן גייסט צו טאן בלויז גוטס און זיך דערוייטערן פון דעם שלעכטן.

אזוי האט זיך ר' סעדיה גאון פארגעשטעלט דאס לעבן פון אידן און פון אלע אנדערע מענשן אויף דער וועלט, אין יענעם שיינעם טאג, ווען דאס שלעכטס וועט פארטריבן ווערן און דאס גוט וועט באהערשן די וועלט.

ר' סעדיה איז פיל קריטיקירט געווארן אין זיין ציים און אין די שפעטערדיקע דורות דערפאר וואס ער האט זיך דערלויבט אויסצורעכענען דעם "קץ" און דערמיט עובר געווען אויף דעם אנזאג פון די חכמי התלמוד. עס איז שפעטער אנגעוויזן געווארן, אז ווען זיין פאראויסזאגונג איז נים פארווירקלאכט געווארן, האט דאס געבראכט צו גייע אנטוישונגען און צו דער אפשוואכונג פון משיחישן גלויבן. עס זיינען אבער געווען אויך אזעלכע וואס האבן אים פארטיידיקט. און צווישן זיי דער רמב"ם. ריידנדיק וועגן די "מחשיבי קצין", פון וועמען ער איז נים שטארק צופרידן, זאגט דער רמב"ם :

"מיר זיינען אבער ר' סעדיה'ן דן לכף זכות. נעמענדיק אין אנבאטראכט וואס עס האט אים באוואוינגן דאס צו טאן, הגם ער האט געוואוסט אז די תורה האט דאס פארבאטן, ווייל אין זיין דור האט מען זיך ארומגעטראגן מיט פיל שעדלאכע סברות און עס איז שיר נים פארלארן געגאנגען גאטס ווארט, ווען נים ער, ע"ה, וואס ער האט אנטדעקט פון דער תורה, וואס עס איז געווען פארבארגן און ער האט פארשטארקט פון איר וואס עס איז אפגעשוואכט געווארן און ער האט דאס באקאנט געמאכט מיט זיין שפראך, מיט זיין שריפט און מיט זיין פען. און סוף זיך צו אז ער האט בכלל באצוועקט צוזאמען ברענגען א גרויסן המון, מיט'ן וועג פון אויסרעכענען דעם "קץ" און אזוי ארום זיי שטארקן און פארגרעסערן זייער האפענונג. מיט אלעם וואס ער האט ניך מתכון געווען לשם שמים און מען דארף צו אים קיין טענות נים האבן, צוליב דעם וואס ער האט א טעות געמאכט אין זיין אויסרעכענונג, ווייל זיין כונה איז געווען וואס איך האב געזאגט". (אגרת תימן, קובץ תשובות הרמב"ם ואגרותיו, ח"ב, דף ה').

די "שעדלאכע סברת" פון ר' סעדיה'ס דור, וואס דער רמב"ם דערמאנט, באציט זיך אויף די קראים, וועלכע האבן זיך דאמאלסט אנגעפאנגען פארשפרייטן און קעגן וועמען ר' סעדיה האט געפירט א שטארקן קאמף. מיר האבן שוין אויך אנגעוויזן, אז נאך די דורכפאלן פון די משיחישע באוועגונגען פון דעם אכטן יאר־הונדערט איז געווען נויטיק צו שטארקן דעם גלויבן פון פאלק, און די דאזיקע אויפגאבע האט ר' סעדיה דורכגעפירט, דערמיט וואס ער האט אין זיין פילאזאפישער אפהאנדלונג וועגן דער אידישער רעליגיע, געשיינקט אזויפיל אויפמערקזאמקיים דעם יסוד פון משיחישן גלויבן און אפילו געמאכט א פארזוך אנצוואווייזן א באשטימטע ציים, ווען די אויסלייזונג וועט קומען.

ר' סעדיה האט אויך באניים די הויפט יסודות פון משיחיזם, וואס זיינען אפגעשוואכט געווארן דורך אבו עיסי'ן און זיינע נאכפאלגער און ווידער פעסטגעשטעלט, אז משיח דארף ברייננגען אויסלייזונג פאר דעם אידישן פאלק און גערעכטיקייט פאר אלע פעלקער.

## רב האי גאון

וועגן דעם "ענין הישועה", איז פאראן אן אינטערעסאנטע לייננערע תשובה פון רב האי גאון (1038-989). פון פומבדיתא, דער לעצטער פון די גאונים, אין דעם ספר "טעם זקנים" (פון ר"א אשכנזי פון טוניס, זייט 61-69).

מען האט דעם גאון געפרעגט : "ווי אזוי וועט זיין די ישועה פון אנפאנג ביז צום סוף און תחיית המתים און די נייע הימלען?"

דער גאון האט דערויף געענטפערט, אז ווען ער וואלט נענומען אויסטייטשן יעדער איינצעלהייט באזונדער, וואלט דאס ביי אים גענומען פיל ציים, ער האט דערפאר בלויז זיך אפגעשטעלט אויף אלגעמיינע זאכן.

ווען מיר וועלן זעען, אז אדום (די קריסטן) וועלן הערשן אין ארץ־ישראל, דארף מען גלויבן, אז אונזער הילף איז נאענט. דאן וועט אויפשטיין א מאן פון די בני יוסף אין גליל העליון און ער וועט גערופן ווערן הער משיח פון גאט און צו אים וועלן זיך פארזאמלען פיל מענשן און ער וועט זיין איבער זיי א מלך, עס וועלן צו אים אויך קומען געציילטע מענשן פון פארשיידענע לענדער. אבער דאס רוב אידן וועלן פארבלייבן אין זייערע גלות לענדער, ווייל עס וועט פאר זיי נים זיין קלאר, אז עס וועט טאקע קומען דער טאג פון אויסלייזונג. משיח בן יוסף מיט זיינע מענשן וועלן דאן דעראבערן ירושלים פאר א קורצער ציים.

(ווייטערעס קומט)